בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער

דֶער קוּנְטְרֵס גֶעבְּט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וְוי אַזוֹי מַצְלִיחַ צוּ זַיין מִיט קִינְדֶער. וְוי אַזוֹי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ וֶועג אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן שֶׁעפְּן פוּן זֵיי פִיל אִידִישׁ נַחַת.

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "סַבְלָנוּת לַיְלָדִים" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

**גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ**
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

**אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ**
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - וויליאמסבורג

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
**181 Huschke Road**
**Liberty NY 12747**

היכל הקודש וויליאמסבורג
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**1-718-384-1652**

היכל הקודש קרית יואל
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**1-845-467-5299**

היכל הקודש קרית יואל
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
**1-845-243-0563**

היכל הקודש בארא פארק
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
**1-718-384-1652**

היכל הקודש מאנסי
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**1-347-733-7551**

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
*chizikyomi@gmail.com*

**טעלעפאון מעסידזשינג**
*347-630-2876*

# גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער

## א

וָואס אִיז דִי שְׁטְרֶעבְּן פוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן? וָואס אִיז דִי וואוּנְטְשׁ פוּן יֶעדֶע אִידִישֶׁע טַאטֶע אוּן מַאמֶע? וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס אַ אִיד קֶען בַּאקוּמֶען? דָאס אִיז צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער! וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן מֶען זֶעט אַז זֵיי וַואקְסְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע בְּרָכָה פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אוּן דָאס גֶעבְּט זֵיי

אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן. אוּן פַארְקֶערְט, אוֹיבּ זֶעט מֶען נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נָאר וָואסֶערֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען דִי קִינְדֶער מַאכְן אָן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע, אִיז דָאס דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי עֶסְן זִיךְ לֵיידֶער אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

גוּטֶע קִינְדֶער קֶען מֶען אָבֶּער נִישְׁט אַרָאפְּרַייסְן פוּן בּוֹים. אוֹיף זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן פַאר דֶעם. מֶען דַארְף שְׁוֶוער אַקֶערְן אוּן זֵייעֶן, מֶען דַארְף בַּאגִיסְן מִיט וַואסֶער אוּן צוּשְׁטֶעלְן וַוארִימֶע זוּן שְׁטְרַאלְן, אוּן דַאן קֶען אַרוֹיסְוַואקְסְן אַ שֵׁיינֶער הֶערְלִיכֶער בּוֹים וָואס גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע זַאפְטִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע פֵּירוֹת. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג דִי אַרְבֶּעט אִין אָנְהוֹיבּ, אוֹיבּ אָבֶּער לֵייגְט מֶען אַרַיין דִי רִיכְטִיגֶע הָארֶעוַואנְיֶע, מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ

אָן צוּ גֶעבְּן דִי נוֹיטִיגֶע פְּלֶעגוּנְג, דַאן צָאלְט זִיךְ דֶערְנָאךְ אוֹיס דִי אַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיסֶע פְּרָאצֶענְטְן.

אוֹיף צוּ קֶענֶען גֶענִיסְן פוּן גוּטֶע נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער. מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיט פִילֶע הוֹיפְנְס פוּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אוּן זִיךְ אַסאךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוּנְטֶערְוַואקְסְן, דַאן וֶועט זִיךְ אוֹיסְצָאלְן דִי אַרְבֶּעט בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם. דַאן וֶועט מֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן גָאר אַסַאךְ צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען וֶועט קֶענֶען זִיצְן רוּאִיג אוּן קְוֶועלְן, מֶען וֶועט עֶסְן דִי זִיסֶע פֵּירוֹת פוּן דִי שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע.

אוֹיבּ אָבֶּער זוּכְט מֶען זִיךְ צוּ שְׁפָּארְן אַרְבֶּעט אִין אָנְהוֹיבּ. מֶען הָאט נִישְׁט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ גֶענוּג מִיט זֵיי, דַאן הָאט מֶען

שְׁפֶּעטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק חֲרָטָה דֶערוֹיף. די פִּילֶע שְׁוֶועריקַייטְן און צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט זיך שְׁפֶּעטֶער אָן, נֶעמֶען אַוֶועק די אַפֶּעטִיט פון לֶעבְּן. עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען גְרִינְגֶער פון אָנְפַאנְג, אָבֶער עֶס וֶוערְט פִּיל פַאכִיג שְׁוֶוערֶער בַּיים סוֹף.

## ב

די נַאטוּר פון קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי הָאבְּן לִיבּ צו שְׁפְּרִינְגֶען און טַאנְצְן, צו ווִילְדֶעוֶוען און אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, און דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר זֵיי. מִיט דֶעם וָואס אַ קִינְד גֶעבְּט זיך אוֹיס זַיין עֶנֶערְגִיֶע, עֶר שְׁרַייט און פַארְפִּירְט און ווִילְדֶעוֶועט, דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף זַיין מֹחַ און עֶר וַואקְסְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד און וֶוען עֶר וַואקְסְט אוֹיף הָאט עֶר אַ קְלָארֶע גֶעזוּנְטֶע מֹחַ און עֶר קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען אָבֶער דִי עֶלְטֶערְן אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר עֶלְטֶער פוּן זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעדוּלְד צוּ דִי אַלֶע קִינְדֶערִישֶׁע נַארִישְׁקַייטְן. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת אוֹיפְ׳ן קָאפּ, זֵיי שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע זֶעק פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּלֵייצֶעס. זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, זֵיי זוּכְן פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת אוּן צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶענוּג דַאֲגוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דִי צְוֵויי אַנְדֶערֶע סָארְט וֶועלְטְן - דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער, דַאן וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם. דִי קִינְדֶער ווִילְן נָאר דֶערְצֵיילְן, רֶעדְן אוּן פְּרֶעגְן אִיבֶּער זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע קִינְדֶערִישֶׁע לֶעבְּן. דִי סָארְט זַאכְן וֶועלְכֶע אִינְטֶערֶעסִירְן בִּכְלַל נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גָאר וֵויינִיג גֶעדוּלְד זֵיי

אוֹיסְצוּהֶערְן און זיך אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי. און נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דִי קִינְדֶער רֶעדְן נִישְׁט מִיט עֶרְנֵואקְסְנְקֵייט, זֵיי רֶעדְן נָאךְ אוֹיךְ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע וֶועג, מִיט קוֹלוֹת וּבְרָקִים, מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן און גֶעוַואלְדֶעס, וָואס דָאס צִיט אַרוֹיס דָאס לֶעצְטֶע בִּיסְל נֶערְוֶוען און מַארְךְ פוּן דִי עֶלְטֶערְנְ׳ס מֹחַ.

וִוי אַזוֹי בַּאהַאנְדְלְט מֶען אַזַא סִיטוּאַצְיֶע ? אִיז דָא בַּיי דֶעם צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶלְטֶערְן קֶענֶען צוּגֵיין צוּ אַזַא מַצָב - אַ מַצָב וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ יֶעדְן טָאג אִין יֶעדֶע קִינְדֶער-גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּב. אֵיין וֶועג אִיז דָא אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן מִיט זֵייעֶר ווילְדֶע און קִינְדֶערִישֶׁע כֹּחַ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כֵּלִים, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן און אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּלָאזְן אַפָּאר גוּטֶע פֶּעטְש, און מִיט דֶעם אַיינְשְׁטִילְן דִי קִינְדֶער. דִי גַאנְצֶע

אָנְגֶעזַאמְלְטֶע וֵוייטָאג און דְרוק וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען דורְכְגֶעגַאנְגֶען בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דִי קֶעפּ פון דִי קִינְדֶער. זֵיי וֶועלְן קְלָאר שְׁטֶעלְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג און דָאס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ צו פַארְפִירְן און ווילְדֶעוֶוען, צו פְרֶעגְן נַארִישֶׁע קֻשְׁיוֹת, און בַּאמוּטְשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן מִיט זֵייעֶר נַארִישֶׁע אַנְגֶעלֶעגְנְהֵייטְן.

וָואס וֶועט אָבֶער זַיין דִי רֶעזולְטַאטְן פון אַזַא סָארְט אוֹיפְפִירונְג? וָואס וֶועט דָאס בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קִינְדֶער? קוֹדֶם וֶועט דָאס בִּכְלַל נִישְׁט הֶעלְפְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ בַּארוּאִיגְן און זַיין שְׁטִיל. דָאס שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי און זֵיי שְׁלָאגְן וֶועט נָאר מַאכְן אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן מֶער שְׁלֶעכְט און נָאךְ מֶער פַארְפִירְן און אִיבֶּערְדְרֵייעֶן און אָנְזֵייעֶן ווִי מֶער חֻרְבָּנוֹת. און דֶערְנָאךְ וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיפְרֶעגְן און נָאךְ מֶער אָנְשְׁרַייעֶן און

דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ זַיין צֶעוִוילְדֶעוֶועט, בִּיז זֵיי וֶועלְן סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק אַז זֵיי זָאלְן צִיטֶערְן אַרוֹיסְצוּזָאגְן אַ הוֹיךְ וָוארְט, אוּן דַאן זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶע׳הַרְגְ׳ט אוֹיף אֵייבִּיג, פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

וִוי גֶעזָאגְט זֶענֶען קִינְדֶער גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן נִישְׁט צוּ קֶענֶען אַיינְזִיצְן. מִיט דֶעם וָואס מֶען בִּינְדְט זֵיי דִי הֶענְט אוּן פִּיס אוּן מֶען לָאזְט זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן, מִיט דֶעם הַרְגְ׳ט מֶען אַוֶועק זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן אוּן זֵייעֶר מֹחַ, זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר מוּט אוּן חַיוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן.

קִינְדֶער זֶענֶען רוֹיעֶ דִיאמַאנְטְן. אוֹיבּ הָאט מֶען אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת זֵיי אוֹיסְצוּשְׁלֵייפְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי הֶערְלִיכֶע

טֵייעֶרֶע דִיאמַאנְטֶן, זֵיי וֶועלְן בְּלִיטְשְׁקֶענֶען אוּן שַׁיינֶען אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ נַחַת צוּ קוּקְן אוֹיף זֵיי. אוֹיבּ אָבֶּער פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעדוּלְד אוּן מֶען צוּבְּרֶעכְט זֵיי, דַאן וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן רוֹיעֶ צוּבְּרָאכֶענֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ וָואס זֶענֶען וֶוערְט צוּ גָארְנִישְׁט.

אוֹיבּ וִויל מֶען אוֹיפְצִיעֶן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ הָאפְּט מֶען צוּ זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דַאן קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִי שְׁטַאפְּל פוּן דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל דֶערְוַוייל זֶענֶען זֵיי נָאךְ קִינְדֶער. עֶס דַארְף גֵיין פַארְקֶערְט, דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי דַרְגָא פוּן דִי קִינְדֶער. דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְשְׁטֵיין אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר אֵייגְנְאַרְטִיגֶע וֶועג פוּן רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן, דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַוֶועקְלֵייגְן אִין דִי זַייט אַלֶע זֵייעֶרֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע דַאֲגוֹת, אוּן זִיךְ

אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁטַאפְּל, זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם מֹחַ פוּן דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען, יֶעדֶעס קִינְד וָואס עֶר הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן לוֹיט זַיין יָארְגַאנְג. אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע פְרַאגֶעס מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעס אוּן פְּרוּבִירְן זֵיי צוּ עֶנְטְפֶערְן לוֹיט זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד. דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי ווִי זֵיי וָואלְטְן גֶעוֶוען קִינְדֶער אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער, אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע אִינְטֶערֶעסְן ווִי דִי קִינְדֶער, אוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ. דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁפִּילְן מִיט זֵיי דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפִּילְן, דִי סָארְט וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ. ווֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן דָאס, ווֶוערְט זֵייעֶר הַארְץ גֶעפַאנְגֶען צוּ דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן לִיבּ דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי שְׁפִּירְן אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוֹיף

זֵייעֶר זַייט, אַז די עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי, זֵיי פִילְן מִיט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע דַאֲגוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען, און פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע פְרֵיידְן.

וֶוען די קִינְדֶער בַּאקוּמֶען די גֶעפִיל, דַאן וֶועלְן זֵיי שׁוֹין הָאבְּן חֵשֶׁק צו פָאלְגְן די עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶעעֶן אַז די עֶלְטֶערְן מֵיינֶען נָאר זֵייעֶר טוֹבָה, און זֵיי וֶועלְן מִיט פְרֵייד פָאלְגְן וָואס די עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי נָאר הֵייסְן. די גוּטֶע רֶעזוּלְטַאטְן וֶועלְן זִיךְ דֶערְקֶענֶען סֵיי אוֹיף די מִינוּט און סֵיי אוֹיף שְׁפֶּעטֶער. סֵיי יֶעצְט וֶועלְן די קִינְדֶער פַארְשְׁטֵיין צו פָאלְגְן וֶוען מֶען רֶעדְט צו זֵיי רוּאִיג אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, און סֵיי שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט פִיזִישׁ און גֵייסְטִישׁ, און נִישְׁט זַיין קַיין צוּקְלַאפְּטֶע מֶענְטְשְׁן.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אוֹיפְגַאבֶּע, בִּכְלַל נִישְׁט לַייכְט. צו דֶעם דַארְפְן די עֶלְטֶערְן הָאבְּן פִיל גֵייסְטִישֶׁע

כּוחות, זֵיי דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען נִישְׁט צו לָאזְן אַז זֵייעֶרע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זָאלְן אַפֶעקְטִירְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן צו דִי קִינְדֶער. אָבֶּער דִי פֵּירוֹת וָואס וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְפוּן וֶועלְן זַיין אַזוֹי זִיס און גֶעשְׁמַאק אַז עֶס וֶועט בְּרֵייט אוֹיסְצָאלְן דִי הָארֶעוַואנְיֶע. דִי קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן שֶׁעפְּן הוֹיפְּנְס נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

## ג

קִינְדֶער זֶענֶען דִי פַּארְמֶעגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן. גֶעלְט קוּמְט און גֶעלְט גֵייט, עֶס בְּלַייבְּט אָבֶער נִישְׁט אֵייבִּיג מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ. גֶעלְט אִיז נִישְׁט דָאס וָואס מַאכְט צוּפְרִידְן אַ מֶענְטְשׁ. גוּטֶע קִינְדֶער, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז וָואס גֶעבְּט חִיוּת און לֶעבְּן פַּאר אַ מֶענְטְשׁ, דָאס מַאכְט יָא צוּפְרִידְן אַ מֶענְטְשׁ.

וֶוען עֶס קוּמְט צו גֶעלְט זֶעט מֶען ווי מֶענְטְשְׁן לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶר גַאנְצֶע כֹּחַ און עֶנֶערְגִיֶע אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין און מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט. מֶענְטְשְׁן אִינְוֶועסְטִירְן אַסַאךְ צַייט, כֹּחַ און גֶעלְט אִין גֶעשֶׁעפְטְן מִיט דִי הָאפֶענוּנְג אַז דִי גֶעשֶׁעפְטְן וֶועלְן זִיךְ גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן און מֶען וֶועט מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט דֶערְפוּן.

דָאס אִיז אָבֶער נָאר אַ הָאפֶענוּנְג, נִישְׁט אַלֶעמָאל צָאלְט זִיךְ אוֹיס דִי אִינְוֶועסְטִירוּנְגֶען. עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אַז דִי אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן זָאלְן אָנְזֶעצְן, און דִי אַלֶע מִיה און פְּלָאג וָואס מֶען הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר זֵיי, זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אוּמְזִיסְט, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פַארְדִינְט דֶערְפוּן.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין מִיטְ'ן גַאנְצְן

אֵייפֶער אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן, מֶען פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז מֶען אִיז הָאפְנְטְלִיךְ צוּם סוֹף מַצְלִיחַ.

לָאמִיר דָאס יֶעצְט פַארְגְלַייכְן צוּ אִינְוֶועסְטִירוּנְגֶען אִין דִי קִינְדֶער. בַּיי קִינְדֶער אַרְבֶּעט עֶס גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ. יֶעדֶע טְרָאפּ כֹּחַ, גֶעדוּלְד אוּן צַייט וָואס מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין קִינְדֶער, אִיז אַ הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְטִיגֶער פַארְדִינְסְט. יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען גֶעבְּט אַוֶועק אוֹיסְצוּהֶערְן אַ קִינְד, צוּ עֶנְטְפֶערְן אַ פְּרַאגֶע פוּן אַ קִינְד, צִי זָאל עֶס זַיין אַ וִויכְטִיגֶע פְּרַאגֶע צִי אַ נַארִישֶׁע, אִיז אַ זִיכֶערֶע גֶעוִוינְס. דָאס גֶעבְּט זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט פַארְ'ן קִינְד, דָאס גֶעבְּט קְלוּגְשַׁאפְט פַארְ'ן קִינְד, דָאס גֶעבְּט מוּט אוּן לֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד. אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן אוֹיפְוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְט לִיכְטִיג קִינְד, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן שֶׁעפְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד.

נָאךְ אַ מִינוּט פַארְ'ן קִינְד - אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק לֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד. נָאךְ אַ פְרַאגֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד - אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל פַארְ'ן קִינְד. נָאכְאַמָאל זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן פוּן אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אוּן דֶערְוַוייטֶערְן דָאס קִינְד - אִיז נָאךְ אַ צָרָה אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן זַיין שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע לֶעבְּן.

אוּן דִי גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עֶרְשַׁיינוּנְג אִיז נָאר, אַז פַאר גֶעלְט-גֶעשֶׁעפְטְן וֶועלְן מֶענְטְשְׁן אַוֶועקְגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ צַייט אוּן כֹּחַ, אוּן דָאס אַלֶעס נָאר פַאר אַ סָפֵק אֶפְשָׁר וֶועט עֶס מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ וֶועט עֶס יָא מַצְלִיחַ זַיין אוּן מֶען וֶועט מַאכְן דֶערְפוּן אַסַאךְ גֶעלְט, אִיז דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט זִיכֶער אַז דִי פַארְדִינְטֶע גֶעלְט וֶועט בְּלַייבְּן בַּיים מֶענְטְשׁ. דָאס גֶעלְט קֶען וֶוערְן גָאר שְׁנֶעל פַארְנוּצְט פַאר זַייטִיגֶע אוֹיסְגַאבְּן אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צו דִי קִינְדֶער, וָואס דִי אִינְוֶועסְטִירוּנְגֶען אִין זֵיי אִיז אַ זִיכֶערֶער גֶעוִוינְס, און דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיטְ'ן מֶענְטְש אוֹיף אֵייבִּיג, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם וָואס זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען וואוֹיל און עֶרְלִיךְ, קְלוּג און גֶערָאטְן, דָאס אִיז גָאר דִי זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְש שְׁטוּפְּט אַוֶועק און הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדולְד דֶערְצוּ. עֶר דֶערְוַוייטֶערְט דִי קִינְדֶער פוּן זִיךְ, דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ פַּחַד צו רֶעדְן צו דִי עֶלְטֶערְן וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי וֶועלְן כַאפְּן פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶס וֶועט זִיךְ דַאכְטְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אָדֶער גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג. אִיז דָאס נִישְׁט מָאדְנֶע ?

און דָאס וֶוערְט נָאךְ מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער וֶוען מֶען זֶעט וִוי מֶענְטְשְׁן זִיצְן און פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים און בַּאקַאנְטֶע, סְתָּם צו שְׁמוּעֶסְן שְׁטוּתִים און נַארִישְׁקַייטְן,

בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גֶעשֶׁעפְּטְלִיכֶע זַאכְן וֶועלְכֶע קֶענֶען כָּאטְשׁ אֶפְשָׁר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט. צו אַ חַבֵר הָאט מֶען דִי וֶועלְטְס גֶעדולְד, אֲפִילוּ וֶוען דֶער חַבֵר קומְט אָן פּונְקְט אִינְמִיטְן אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וֶועט מֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן און אויסְהֶערְן וָואס עֶר הָאט צו דֶערְצֵיילְן און פְרֶעגְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אִין קַיין וִויכְטִיגֶע זַאכְן, וֶועט מֶען גֶעבְן פַאר יֶענֶעם זַיין פַארְלַאנְגְטֶע אויפְמֶערְקְזַאמְקַייט, זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט יֶענֶעם אַז יֶענֶער זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן גוט און זַיין צופְרִידְן.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, וֶוען עֶס קומְט צו דִי קִינְדֶער, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶעקְל גֶעדולְד צו זֵיי. סֵיי וֶוען זֵיי קומֶען אִין אַ רואִיגֶע צַייט, און סֵיי וֶוען זֵיי קומֶען אִין אַ פַארְנומֶענֶע צַייט, וֶועט מֶען זֵיי קוים אֶפְשָׁר אויסְהֶערְן מִיט אַ הַאלְבֶּע אוֹיעֶר, און פְּרובִּירְן וִוי שְׁנֶעלֶער זִיךְ אָפְּצושָׁאקְלֶען און פָּטור וֶוערְן פון זֵיי. ״גֵיי

שֵׁיין שְׁפִּילְן און לָאז מִיךְ אָפּ", "גֵיי שׁוֹין אַרַיין אִין בֶּעט, אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט זֶען דָא", "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דו ווִילְסְט און אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן", "פַארְוָואס שְׁטֶערְסְטוּ מִיר יֶעצְט?! דו זֶעסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין פַּארְנומֶען?!" און נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט אוֹיסְדְרוּקְן, אַלֶעס מִיטְ'ן צִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאל שׁוֹין וֶוערְן פַּארְנומֶען מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ און אָפְּלָאזְן דִי עֶלְטֶערְן.

דִי צַייט בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין, דִי קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף, און פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעֶן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן מִיט קִינְדֶער וֶועלְכֶע ווִילְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵייעֶר זַייט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן צו זָאגְן, זֵיי הוֹיבְּן אָן צו טוּן נַארִישְׁקַייטְן און שֶׁעדְלִיכֶע זַאכְן וָואס בַּאזָארְגְן זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי עֶלְטֶערְן, דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אָבֶער שׁוֹין נִישְׁט

קַיין שום אַיינְפְלוּס אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי צוּ לֶערְנֶען און צוּ פִירְן אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן צוּבְרָאכְן, זֵיי הַאקְן קָאפּ אִין וַואנְט און קְלַאפְּן זִיךְ ׳עַל חֵטְא׳, אָבֶער מֶער פוּן דֶעם קֶענֶען זֵיי גָארְנִישְׁט טוּן. זֵיי קֶענֶען נָאר שְׁטֵיין און צוּקוּקְן מִיט הַארְץ וֵוייטָאג וִוי אַזוֹי דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נֶעבֶעךְ צוּגְרוּנְד. זֵיי וואוּנְדֶערְן זִיךְ וָואס סְ׳אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער, פַארְוָואס קֶענֶען מִיר נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי.

פַארְוָואס זָאלְן אָבֶער דִי גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער יָא אוֹיסְהֶערְן דִי עֶלְטֶערְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען בִּכְלַל אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זֵיי. זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט דִי גֶעפִיל אַז דִי עֶלְטֶערְן זָארְגְן זִיךְ פַאר זֵיי און ווילְן זֵיי הֶעלְפְן. זֵיי הָאבְן נָאר גֶעזֶען אַלֶעמָאל אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, הָאבְן זֵיי בַּאקוּמֶען

אַזאַ קַאלְטֶער אַנְטְוָואָרְט אַז עֶס אִיז זֵיי פַארְגַאנְגֶען דֶעם אַפֶּעטִיט. פַארְוָואס זָאלְן זֵיי יֶעצְט יָא קוּמֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי עֶלְטֶערְן?

דֶערִיבֶּער דַארְפְן קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ אַיינְקוֹיפְן גְרוֹיסֶע קְוַואנְטוּמְס פוּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד, אוּן נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דִי קִינְדֶער וֶוערְן גְרוֹיס, נָאר וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין זָאל מֶען הָאבְּן דִי נוֹיטִיגֶע סַבְלָנוּת זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן, זִיךְ צוּ אִינְטֶערֶעסִירְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי מַאכְן שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג אוּן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע פְרַאגֶעס, אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן נַארִישֶׁע קִינְדֶערִישֶׁע פְרַאגֶעס. פַאר דִי עֶלְטֶערְן אִיז דָאס טַאקֶע נַארִישׁ אוּן אוּמְוִויכְטִיג, אָבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דָאס זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען זֵיי דִי לֶעבְּנְס וִויכְטִיגֶע גֶעפִיל אַז דִי עֶלְטֶערְן

זֶענֶען דָא פַּאר זֵיי, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוֹיף זֵייעֶר זַייט, און דַאן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ק"ז) "הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶן כַּעְסָן" - קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים, וֶוען זֵייעֶר טַאטֶע אִיז אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ. "פַארְוָואס זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַזֶעלְכֶע שׁוֹטִים און נַארָנִים? פַּארְוָואס קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט נָארְמַאל אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן" - פְּרֶעגְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער טַאטֶע.

וֵוייסְט פַּארְוָואס? וַוייל וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיין הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן און צו עֶנְטְפֶערְן אוֹיף זֵייעֶרֶע נֶערְוִוירְנְדֶע פְּרַאגֶעס.

קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְפָארְמֶען וִוי אַזוֹי מֶען וִויל. קִינְדֶער גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אַמָאל אִיז דָא אַ גֶערִיבְּן קִינְד וָואס אִיז אַ גֶעשְׁמַאק צו פַארְבְּרֶענְגֶען

מִיט אִים, און אַמָאל אִיז דָא אַ קִינְד וָואס קֶען גֵיין אוֹיף די נֶערְוֶוען. אוֹיבּ אָבֶער וֶועלְן די עֶלְטֶערְן זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מָאס גֶעדוּלְד און זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף די מִידוֹת און גֶעבְּן די נוֹיטִיגֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט פַאר יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע קִינְד, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס און וִוי אַזוֹי עֶר אִיז, דַאן וֶועט מֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶען וִוי די קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעלוּנְגֶענֶע גֶעשְׁמַאקֶע קִינְדֶער, די אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן אִיז נָאר די אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט פוּן די עֶלְטֶערְן.

דֶערִיבֶּער לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען פוּן הַיינְט און וַוייטֶער צוּ טוּן די רִיכְטִיגֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְט, צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע פַארְדִינְסְטְן. און כָאטְשׁ וָואס מֶען הָאט גֶענוּג זַאכְן אוֹיפְ'ן קָאפּ, מֶען הָאט גֶענוּג דַאֲגוֹת מִיט וָואס זִיךְ

אָפְּצוּגֶעבְּן, זָאל מֶען אַלֶעס לֵייגְן אִין דִי זַייט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער.

וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים זָאל מֶען זִיךְ אַרוֹיפְּצִיעֶן אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, אוֹיסְהֶערְן דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, פַּארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן שִׂמְחָה. דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן רוּאִיג אוּן פַארְזִיכֶערְט אִין דִי סְבִיבָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֶלְטֶערְן. אוּן נִישְׁט פַארְקֶערְט אַז זֵיי זָאלְן פִילְן אַזַא אוּמְבַּא'טַעֲמְ'קֵייט אִין גֶעגֶנְוַוארְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן. דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אִינְוֶועסְטִירוּנְג, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ אַלֶעס, דִי פַארְדִינְסְטְן זֶענֶען פַארְזִיכֶערְט.

ד

קִינְדֶער הָאבְּן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן אוּן דְרוּקְן אוֹיס זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן. אֵיידֶער מֶען

ווייל רֶעדְן און זיך פַּארְשְׁטֵיין מִיט אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען זיך קודֶם אויסְלֶערְנֶען יֶענֶעמְ׳ס שְׁפְּרַאךְ, אויב צְוֵויי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן צְוֵויי אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכְן, דַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז זֵיי זָאלְן זיך קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין און זיך דורְכְקומֶען. דֶערִיבֶּער אויב ווייל מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער, דַארְף מֶען זיך קודֶם אויסְלֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, און אַזוי וֶועט מֶען קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין וָואס זֵיי מֵיינֶען צו זָאגְן.

מַאכְט זיך אַמָאל אַז אַ קִינְד נֶעמְט זיך נודְזְשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן, עֶר הויבְּט אָן וֵויינֶען און שְׁרַייעֶן, עֶר וֶוערְט צֶעווילְדֶעוֶועט און צֶערודֶערְט, עֶר גֵייט מַמָש אויף דִי נֶערְוֶוען; און דִי עֶלְטֶערְן הויבְן נִישְׁט אָן צו ווִיסְן וָואס דָאס קִינְד ווִיל, פַּארְוָואס נֶערְווִירְט עֶר יֶעצְט אַזוי שְׁטַארְק? וָואס דַארְף דָאס צו מֵיינֶען.

דָא קומְט אַרַיין דִי ‚קִינְדֶער-שְׁפְּרַאך׳. אִין דִי ‚קִינְדֶער-שְׁפְּרַאך׳ מֵיינְט דָאס אֵיין זַאך: „טַאטִי און מַאמִי, אִיך דַארְף אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט"...

יָא, גָארְנִישְׁט מֶער פון דֶעם! דָאס קִינְד ווִיל פָּשוּט אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיך ווִיסְנְדִיג מַאכְן פון אִים, זֵיי זָאלְן אִים מַאכְן שְׁפִּירְן אַז עֶר עֶקְזִיסְטִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זֵיי זָאלְן זִיך אִינְטֶערֶעסִירְן אִין זַיין וואוֹילְזַיין, זֵיי זָאלְן אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר הָאט צו פְּרֶעגְן און דֶערְצֵיילְן. דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע וָואס עֶר ווִיל, עֶר ווִיל נָאר בַּאקומֶען דֶעם גֶעפִיל אַז דִי עֶלְטֶערְן הַאלְטְן פון אִים און עֶר אִיז אוֹיך עֶפֶּעס חָשוּב.

עֶלְטֶערְן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן דִי שְׁפְּרַאך, וֶועלְן זִיך דַאן כַאפְּן אַז וַוארְשֵׁיינְלִיך הָאבְן זֵיי זִיך נִישְׁט גֶענוּג אָפְּגֶעגֶעבְן מִיט דֶעם קִינְד, זֵיי וֶועלְן אִים אָנְהוֹיבְן גֶעבְן

מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר אוֹיף אַ גוּטְן אוֹפֶן.

וָואס פַּאסִירְט אָבֶער אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען נִישְׁט דֶעם שְׁפְּרַאךְ? זֵיי מֵיינֶען אַז דִי קִינְדֶער ווילְן פָּשׁוּט גֵיין אוֹיף זֵייעֶרֶע נֶערְוֶועז אוּן זֵיי מְצַעֵר זַיין, דַאן וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן אָנְשְׁרַייעֶן דִי קִינְדֶער, שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי פַארְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ. "גֵיי אַוֶועק פוּן דָא, לָאז מִיךְ אָפּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִיר", אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט קוֹלוֹת וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן צִיל זֵיי אַיינְצוּשְׁטִילְן אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹיפִיל נוּדְזְשֶׁען אוּן בַּאמוּטְשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן.

דִי עֶלְטֶערְן כַאפְּן אָבֶער נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעמֵיינְט

אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען. דִי עֶלְטֶערְן עֶנְטְפֶערְן דִי פְּרַאגֶע פוּן דִי קִינְדֶער מִיט דִי אוּמְרִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער.

וִוי אַזוֹי נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוֹיף אַזַא סָארְט עֶנְטְפֶער? צוּם עֶרְשְׁט זֶעעֶן זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן דָא גֶעטְרָאפְן אַ שְׁוַואכֶע פּוּנְקְט בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כֵּלִים. זֵיי הָאבְּן הַנָאָה דָאס צוּ זֶען, דָאס אִיז פַאר זֵיי זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן זֵיי וֶועלְן דָאס פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן זֶען וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בַּאקוּמֶען זֵיי אָבֶער נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶער עֶנְטְפֶער – אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט. מִיט דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי אוּן טְרַייבְּן זֵיי אַוֶועק, בַּאקוּמֶען זֵיי דֶעם גֶעפִיל אַז זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זֵיי. זֵיי

פַארְלִירְן אִינְגַאנְצְן זֵייעֶר זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט, און דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער טְרֶעפְּל אוֹיפְ׳ן וֶועג אַרָאפּ, צו וֶוערְן פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע קִינְדֶער און צו זַיין אַ טָאטַאלֶער דורְכְפַאל אִין לֶעבְּן.

עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינְדֶערְהֵיים וֶוען דִי עֶלְטֶערְן אִיגְנָארִירְן זֵיי און גֶעבְּן זֵיי נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט. דַאן גֵייט עֶס וַוייטֶער אִין חֵדֶר אָדֶער שולֶע וואו דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעדולְד מִיטְצוּהַאלְטְן דִי לִימודִים און מַאכְן דָארְט פְּרִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערְנְס וֶוערְן נֶערְוֶועז פון זֵיי און רֶעגְן זִיךְ וִוידֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער, מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט דִי קִינְדֶער און מֶען שְׁרַייט זֵיי אָן, און דָאס בַּאשְׁטֶעטִיגְט נָאכְאַמָאל פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען טַאקֶע וֶוערְט צו גָארְנִישְׁט, זֵיי וֶוערְן נָאךְ מֶער גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ.

אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ דֶער רֶעדְל וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער בִּיז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אִינְגַאנְצְן צֶערִיסְן אוּן צֶעפְּלִיקְט, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיין מֶענְטְשְׁן. עֶס קֶען אוֹיסְקְלַאפְּן אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁפַּארְן אִין זֵייעֶר שְׁטוּב אוּן נִישְׁט וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן לֶעבְּן נָארְמַאל צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אָדֶער קֶענֶען זֵיי וֶוערְן ווִילְדֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גַנְבְ׳עֶנֶען אוּן שֶׁעדִיגְן אַנְדֶערֶע. אוּן דַאן רַייסְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן דִי הָאר פוּן קָאפּ, זֵיי עֶסְן זִיךְ אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט אוּן קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוּן נִישְׁט מְסוּדָר אוּן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן דָאס נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּקְן, זֵיי וֶועלְן נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ דָאקְטוֹרִים אוּן פְּסִיכִיאַטָארְן מִיטְ׳ן צִיל זֵיי אוֹיסְצוּהֵיילְן

און זֵיי צוּריק שְׁטֶעלְן אויפְ׳ן פְּלַאץ, אָבֶער דֶעמָאלְט אִיז שׁוין אַבִּיסֶעלֶע צוּ שְׁפֶּעט. מֶען דַארְף צוּריק דְרֵייעֶן דֶעם זֵייגֶער מִיט אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיין, און דַאן וֶועט מֶען הָאבְּן דֶעם קְלָארְן עֶנְטְפֶער וִוי אַזוֹי און פַארְוָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי אויפְגֶעוָואקְסְן.

דֶעם זֵייגֶער קֶענֶען מֶען אָבֶער נִישְׁט צוּריקְדְרֵייעֶן. דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט. וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גַאנְץ קְלֵיין דַארְפְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, עֶנְטְפֶערְן אויף אַלֶע זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע פְּרַאגֶעס. זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי און זֵיי גֶעבְּן וַוארִימְקַייט און אויפְמֶערְקְזַאמְקַייט, און זֵיי גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב און טֵייעֶר אִין דִי אויגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

די נֶערְוֶועזן קֶענֶען טַאקֶע פְּלַאצְן פון די קִינְדֶער, דָאס איז אָבֶער פִיל בֶּעסֶער ווי וֶוען די נֶערְוֶועזן זָאלְן פְּלַאצְן שְׁפֶּעטֶער פון די צַעַר און עַגְמַת נֶפֶש פון די צָרות וָואס די קִינְדֶער קֶענֶען אָנְמַאכְן אויפְוַואקְסְנְדִיג אָן קַיין וַוארִימְקַייט און אָן קַיין זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט.

מֶען דַארְף הָאבְן גֶעדולְד צו די קִינְדֶער, שְׁמועֶסְן מִיט זֵיי, פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, עֶנְטְפֶערְן אַלֶע זֵייעֶרֶע פְרַאגֶעס און רֶעדְן מִיט זֵיי וָואס נָאר זֵייעֶר הַארְץ בַּאגֶערְט, זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיות לויט זֵייעֶר עֶלְטֶער און פַארְשְׁטַאנְד. דַאן וֶועלְן די קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז זֵיי הָאבְן אַ שְׁטַארְקֶע רוקְן-בֵּיין, די עֶלְטֶערְן זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אויף זֵייעֶר זַייט, און דָאס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַ שְׁטַארְקַייט און זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט, און זֵיי וֶועלְן אויפְוַואקְסְן גֶעזונְטֶע גֶעלונְגֶענֶע קִינְדֶער.

## ה

דֶער טֶעלֶעפָאן אִיז אֵיינְס פוּן דִי הויפְּט זַאכְן וָואס הַאלְטְן פַארְנוּמֶען דִי עֶלְטֶערְן און נֶעמֶען זֵיי אַוֶועק פוּן דִי קִינְדֶער.

שוין אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען מֶען שְפִּילְט זִיךְ סְתָּם אַזוֹי מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן צו פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט און זִיךְ אויסְצוּלוּפְטֶערְן, נִישְט כַאפְּנְדִיג אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הַרְגְ׳ט מֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק דִי קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווִי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן אַז זֵיי בַּאמֶערְקְן בִּכְלַל נִישְט אַז דִי קִינְדֶער גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט אִין גֶעגְנְט.

אָבֶּער אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן פַאר נוּצְלִיכֶע צְוֶועקְן, טָאר דָאס אָבֶּער אויךְ נִישְט גֵיין אויפְ׳ן חֶשְבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער. מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן צו מַאכְן גֶעשֶעפְטְן און

פַארְדִינֶען גֶעלְט, אויב אִיז דָאס אָבֶער אִין דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, דַאן אִיז גָארנִישְט וֶוערְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט. עֶס אִיז נִישְט דָא דִי גֶעלְט אויף דֶער וֶועלְט צו בַּאצָאלְן נַחַת פון קִינְדֶער, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט'ס גֶעלְט קומְט נִישְט צו צו דִי פַארְדִינְסְט פון זֶען וִוי דִי קִינְדֶער זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן.

מֶען אִיז פַארְנומֶען אויפְ'ן טֶעלֶעפָאן אַרויסְצוהֶעלְפְן אִידְן, צו מְחַזֵק זַיין אִידְן. דָאס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ גְרויסֶע און חָשובֶע זַאךְ, אָבֶער וַוייטֶער קֶען דָאס נִישְט גֵיין אויפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פון דִי קִינְדֶער. מֶען דַארְף מַאכְן דֶעם רִיכְטִיגְן חֶשְׁבּוֹן און אויסְרֶעכֶענֶען וָואס עֶס לוינְט זִיךְ עֶנְדֶערְש.

דִי נַאטור פון מֶענְטְשְׁן אִין אַלְגֶעמֵיין אִיז אַז מֶען אִיז נִישְט מַכִּיר טוֹבָה. מֶען קֶען זִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְש מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, אִים אויסְהֶערְן און

אַרויסְהֶעלְפְן און אים שְטֶעלְן אויף די פִיס. מֶען קֶען הָאבְן די גְרֶעסְטֶע סַבְלָנות צו יֶענֶעם און אים שְטֵיין צו הילְף אין אַ שְוֶוערֶע צַייט. און צום סוף, וֶוען יֶענֶער קְרִיכְט שוין אַרויס פון זַיינֶע פְּרָאבְלֶעמֶען, פַארְגֶעסְט ער אינְגַאנְצְן פון די פִילֶע טובות וָואס ער הָאט בַּאקומֶען, פון די פִיל צַייט וָואס מֶען הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְן פַאר אים, און יֶעצְט הויבְּט ער גָאר אָן צו פִירְן חֶשְבּונות און ער וֶוערְט בְּרוגֶז און אויפְגֶערֶעגְט אויף דֶעם וָואס הָאט אים גֶעהָאלְפְן. ער צָאלְט גָאר צוריק שְלֶעכְטְס פַאר די גוטְס וָואס ער הָאט גֶעקְרִיגְן.

אַנְדֶערְש איז אָבֶער מִיט קינְדֶער, די אֵייגֶענֶע בְּלוט און פְלֵייש, זֵיי וֶועלְן גוט גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְן די וַוארִימְקַייט און נָאנְטְקֵייט וָואס זֵיי הָאבְן בַּאקומֶען פון זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן יונְגֶערְהֵייט. דָאס וֶועט זֵיי

בַּאגְלַייטְן און אַרויסְהֶעלְפְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, און זֵיי וֶועלְן דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן צום גוטְן.

יֶעצְט מַאכְט איר אַלֵיין דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָואס לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ. אַוֶועקְצוּגֶעבְּן צַייט פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אָדֶער לִיבֶּערְשְׁט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

ו

"מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר קְלֵיין, זֵיי וֵוייסְן בִּכְלַל נָאכְנִישְׁט וָואס זֵיי ווילְן. אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶענוּג צַייט בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן. דַאן וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, דַאן וֶועל אִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי און זֵיי גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט"

נֵיין, דָאס אִיז אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט! וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גְרוֹיס אִיז שׁוֹין צו שְׁפֶּעט. דַוְקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין אִיז דִי רִיכְטִיגֶע

צַייט צוּ אִינוועסְטִירְן אִין זֵיי. דֶעמָאלְט קֶען מֶען אוֹיפְטוּן גָאר אַסַאךְ נָאר מִיט אַ קְלֵיין בִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג צוּ הָאבְּן גֶעדולְד צוּ זֵיי. מִיט אַבִּיסְל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מִיטְ'ן אַרוֹיסְגֵיין מִיט זֵיי אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר און רֶעדְן מִיט זֵיי אוֹיף זֵייעֶר שְׁטַאפְּל, ווֶעט מֶען אַזוֹי סַאךְ אוֹיפְטוּן, פִּיל מֶער ווִי מֶען קֶען אוֹיפְטוּן אִין לַאנְגֶע טֶעג און ווָאכְן ווֶען עֶס קוּמְט צוּ עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער.

צַייט לוֹיפְט זֵייעֶר שְׁנֶעל, עֶס ווֶעט נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג בִּיז ווֶען דִי קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן, ווָאס הָאבְּן גֶעהַאט גֶעדולְד פַאר דִי קִינְדֶער און זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט יוּנְגֶערְהֵייט, ווֶעלְן זֶען דִי פֵּירוֹת פוּן זֵייעֶר הָארֶעוַואנְיֶע און שֶׁעפְּן הוֹיפְנְס אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

ז

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און עֶר הָאט אונְז בַּאפוֹילְן אַז מִיר דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן און הָאבְּן קִינְדֶער, און דִי צִיל פוּן דֶעם אַלֶעם אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, און זֵיי זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען בְּרֶענְגֶען אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און גְרוֹיס מַאכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. און זֵיי זָאלְן אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן קִינְדֶער, און וַוייטֶער אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אִין זֵיי.

מִיר דַארְפְן אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר לֶעבְּן אִין אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, עֶס זֶענֶען דָא הַיינְט אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס קֶענֶען אַרָאפְּפִירְן דִי קִינְדֶער פוּנֶעם גְלַייכְן וֶועג, סֵיי בְּרוּחְנִיוּת און סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, און דֶערִיבֶּער אִיז דִי

פְליכְט פון די עֶלְטֶערְן זיך אָנְצושְטְרֶענְגֶען ווי וַוייט מֶעגְליך, מֶען זָאל דָאס בִּכְלַל נִישְט נֶעמֶען גְרִינְג, נָאר זיך אָפְּגֶעבְּן מִיט די קִינְדֶער מִיט גְרויס סַבְלָנות און זֵיי מְחַנֵךְ זַיין און פִירְן אויפְ'ן ריכְטִיגְן וֶועג.

טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל עֶס דָא אַזויפִיל סִיבּות און שְטְרויכְלונְגֶען פון וָואס די קִינְדֶער קֶענֶען זיך אַזוי גְרִינְג אויסְגְלִיטְשְן, אִיז גָאר סְפֶּעצִיעֶל חָשוּב וֶוען די עֶלְטֶערְן זֶענֶען זוכֶה - טְרָאץ די אַלֶע שְוֶועריקַייטְן - צו קֶענֶען אויפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע וואוילֶע קִינְדֶער.

אויף יֶעדֶע זַאך אויף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאך גֶעדולְד און סַבְלָנות, אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל גָאר אַסַאך סַבְלָנות דַארְף מֶען הָאבְּן צו די קִינְדֶער. מֶען קֶען נִישְט און מֶען טָאר נִישְט אַרויפְלֵייגְן צופִיל דְרוק אויף די קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְט צְווִינְגֶען די קִינְדֶער אַז זֵיי מוזְן אויסְקוקְן אַזוי צו אַזוי, דָאס הֶעלְפְט זֵיי גָארְנִישְט, עֶס

מַאכְט נָאר עֶרְגֶער. זִיכֶער דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן פוּן זִיךְ אַלֵיין וָואס עֶס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, זֵיי זֶענֶען דָאךְ פָּארְט קִינְדֶער, דָאס דַארְף מֶען אָבֶּער טוּן אוֹיף אַ לִיבְּלִיכֶע אוּן פְרֵיינְדְלִיכֶע וֶועג, אַז זֵיי זָאלְן בֶּאֱמֶת שְׁפִּירְן אַז דִי עֶלְטֶערְן מֵיינֶען נָאר זֵייעֶר גוּטְס. מֶען דַארְף אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן מִצְוֹת, זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן זַיין גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, צוּ גָאט אוּן צוּ לַייט.

אוֹיף צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פִירְט

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. סַבְלָנות מִיט אֱמונָה גֵייעֶן הַאנְט בַּיי הַאנְט, זֵיי זֶענֶען גֶעקְנִיפְּט און גֶעבִּינְדֶען. מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמונָה בַּאקומְט מֶען אַסַאךְ גֶעדולְד און סַבְלָנות און מֶען קֶען אַלֶעס אִיבֶּערְקומֶען.

וִוי אַזוֹי בַּאקומְט מֶען אָבֶּער דִי אֱמונָה מִיט סַבְלָנות? און אֲפִילו וֶוען מֶען הָאט עֶס שׁוֹין יָא, קֶען מֶען דֶען זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן טַאקֶע נִישְׁט אָנְטְרֶעפְן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן זֵיי אַוֶועקְפִירְן פון וֶועג? דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז נָאר תְּפִלָה. טַאטֶע און מַאמֶע טָארְן נִישְׁט שְׁפָּארְן קַיין טְרֶערְן, זֵיי דַארְפְן זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל נִישְׁט דורְכְגֵיין אַ טָאג אָן תְּפִלָה, אָן צו בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כָאטְשׁ אֵיין תְּפִלָה אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְן, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע

און וואוילֶע קִינְדֶער פון וֶועמֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הַנָאָה הָאבְּן און מֶענְטְשְׁן זָאלְן הַנָאָה הָאבְּן.

די עֶלְטֶערְן וָואס וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט די צְוֵויי נְקוּדוֹת, מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת און מִיט אַסַאךְ תְּפִלָה, קֶענֶען זַיין רוּאִיג אַז זֵיי וֶועלְן זֶען פִּיל אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער, פוּן זֵייעֶר שְׁטוּב וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען נָאר גוּטֶע און וואוילֶע קִינְדֶער, וָואס וֶועלְן בְּרֶענְגֶען נַחַת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## מרדכי שאול יעקב בן צביה פערל נ"י
## וזוגתו
## מלכה רחל בת לאה נעמי תחי'

## וילדיהם

## נחמה אסתר, חנה פראדל, דבורה גיטל,

## בלומא, נפתלי צבי, פייגא ליבא, ישראל יוסף.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,

ויתברך מפי אל אליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו

לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן

כן יהי רצון.